

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' יתרו
תשפ"ג לפ"ק
גליון רנ"ב

## פראגע

**מיר זענען דער "עם הנבחר", דאס אויסדערוועלטסטע פאלק, אויב אזוי פארוואס זענען אלע פעלקער אין אלע דורות אויפגעשטאנען אנטקעגן אונז?**

## ענטפער:

**דא** שטייט א מענטש אינעם בוטשער און ער האט כלים צו שניידן פלייש. אויב איר גייט אריבער ווען קיינער איז נישט אין געשעפט, וועט איר זען אז ער שארפט כסדר אויס זיין מעסער, עס זאל זיין גרייט פאר'ן קומענדיגן קאסטומער וואס קומט אריין. ער וויל דער מעסער זאל זיין שארף כדי צו קענען שניידן גוטע רעפטלען, אז די פארציעס פלייש זאלן אויסקומען שיין.

אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט איז צו דינען דעם באשעפער בשלימות, אבער מיר דארפן זיין געווארנט נישט צו ווערן שטומפיג. מיר דארפן עמיצער זאל אונז אויסשארפן. מיר קענען אריינפאלן אין א פארשלאפנקייט און פארגעסן אונזער מיסיע. מיר קענען אנהייבן קלערן אז אונזער ארבעט אויף דער וועלט איז צו האבן שיינע הייזער און גרויסע באנק-אקאונטס און זיך לאזן וואוילגיין.

דערפאר שיקט דער אויבערשטער פון צייט צו צייט אן אויסשארף-שטיין. ער שיקט די גוים אונז צו דערמאנען, און די גוים שארפן אונז אויס. און אזוי דערמאנען מיר זיך אונזער אויפגאבע.

איך וועל געבן א ביישפיל. ווען די גוים האבן אנגעהויבן צו אטאקירן אונזער אמונה אין די צייטן פון די גריכן, האבן די אידן אנגעהויבן צו שרייבן ספרים אפצואווארפן די טענות פון די גוים, און דאס האט אויסגעשארפט זייערע מוחות. עס זענען דא אסאך זאכן פון וואס זיי האבן קיינמאל נישט געהאט געטראכט דערוועגן, אבער צוליב די טענות פון די קעגנער, האבן זיי יעצט אנגעהויבן צו שרייבן ווערדפולע ספרים.

אויך שפעטער אין רעזולטאט פון די טענות פון די פילאזאפן איז באשאפן געווארן דער ספר "הכוזרי", די ספרים פון רב סעדיה גאון, געוואלדיגע ספרים זענען געשריבן געווארן וואס מאכן קלאר אסאך זאכן אין תנ"ך, אסאך זאכן אין נאטור און אין היסטאריע. **מיר זענען אויסגעשארפט געווארן אויף די שטיינער פון קעגנערשאפט.**

אסאך אידן שעצן נישט וואס זיי האבן ביז עס ווערט שווער צו היטן די תורה, צוליב די התנגדות פון די גוים. דעמאלטס קומט צום אויבערפלאך זייערע באהאלטענע כוחות פון מסירת נפש און ליבשאפט צו אידישקייט, און דאס איז די ציל פון רדיפות פון די גוים אונז צו כסדר באוואוסטזיניג מאכן אז מיר זענען דער עם סגולה, און מיר דארפן זיין שארף און אפעקטיוו אין אונזער מיסיע.

## פראגע

**פארוואס זענען דא נאטירליכע קאטאסטראפעס אין וואס אומשולדיגע מענטשן ווערן ל"ע גע'הרג'עט?**

## ענטפער:

**קודם** כל, ווער האט דיר געזאגט אז זיי זענען אומשולדיג? איר ווייסט זייער היסטאריע? ווער זענט איר צו משפט'ן? **"השופט כל הארץ לא יעשה משפט?"** (בראשית יח, כה) - צי מיינט איר אז דער אויבערשטער ווייסט נישט וויאזוי צו משפט'ן ריכטיג?

און צווייטנס, אפילו אויב עס זענען געווען דארטן אומשולדיגע מענטשן, אפשר האט דער באשעפער געברענגט יענעם מענטש אלס א קרבן, כדי צו דערמאנען די איבריגע חלק פון די וועלט זיך צו פארבעסערן. עס קען זיין.

ווען רבי עקיבא איז דערמארדעט געווארן מיט יסורים איז די וועלט געווארן בעסער אלס רעזולטאט. רבי עקיבא האט פארדינט אויסטערלישע זכותים. ער איז א פארבילד און מענטשן לערנען זיך פון אים.

## פראגע

**זאלן מענטשן זיך זארגן וועגן "עקאלאגיע"? דאס הייסט צו זארגן אז די וועלט פאפולאציע ווערט צו גרויס, און אזעלכע סארט זאכן, אדער זאל מען עס לאזן פאר'ן באשעפער?**

## ענטפער:

**דער** גאנצער געשעפט איז איין גרויסע בלאף. סיי-ווער עס רעדט וועגן דער טעמע, סיי-ווער עס פרעדיגט די נושא פון אנטי-פאפולאציע – אפילו אויב ער מיינט נישט מענטשן – דארף מען אים חושד זיין אלס א שקרן, א געמאכטער ליבעראל, א וויכטיג-מאכער, א נישט-ערנסטער מענטש וועלכער לעבט מיט אומנאטירליכע השקפות, און פרובירט זיך אהערצושטעלן אלס עמיצער וואס ער איז נישט, און ער בלאבעלט סתם נאך ווערטער פון דער שמוציגער ניו יארק טיימס.

עס זענען דא אזויפיל וויכטיגע טעמעס אויף וואס זיך צו זארגן. פארוואס זארגן זיי נישט וועגן פארברעכנס אויף די גאסן? די שווינדלערס וועלכע רעדן וועגן פאפולאציע, וועגן זערא פאפולאציע, די קאלעדזש-פראפעסארן וועלכע פרעדיגן עס, פארוואס פרעדיגן זיי נישט וועגן טון עפעס צו באשטראפן פארברעכערס? פארוואס פרעדיגן זיי נישט די וויכטיגקייט וועגן שטרענגערע תפיסה-טערמינען?

יעצט אלע פון זיי האבן איין סטאנדארט ענטפער, און ס'איז א ליגנט. זיי זאגן אז שטרענגע שטראפן האבן קיינמאל גארנישט אויפגעטון. און דאס איז א פשוט'ער ליגנט ווייל יעדער פון אונז קען געדענקען דרייסיג יאר צוריק ווען מען האט געקענט גיין אויף די גאסן. מען האט אפילו געקענט דורכגיין די שווארצע געגנטער ביינאכט. דרייסיג יאר צוריק פלעג איך דורכגיין יעדע נאכט שווארצע געגנטער. עס איז מיר נישט בייגעפאלן מורא צו האבן. ווייל יעדער האט געוואוסט אז דער פאליציי-מאן קען קומען מיט א שטעקן און געבן א זעץ איבער'ן קאפ.

לינדזי איז נאכנישט דא געווען מיט זיין "ציווילע איבעזיכט באורד". ווען די לינדזיס זענען געקומען און אפגעשוואכט די פאליציי, זיי האבן אנגעשראקן די פאליציי, און די ריכטער זענען געווארן ליבעראלן און די ריכטער האבן אנגעהויבן זען וואו די ווינט בלאזט און זיי זענען אויך געווארן אפגעשראקן, דעמאלטס האבן זיך די פארברעכנס אנגעהויבן.

און דערפאר, אט די קרימינאלן רעדן נישט וועגן די עכטע פראבלעמען וואס מיר האבן, דאס איז די נושא פון פארברעכנס. איך רעדט שוין נישט וועגן די פראבלעם פון השחתה, פון אוממאראלישקייט, וואס מאכט חרוב דאס לאנד. די נידריגע תועבה'ניקעס, די רשעות פון זנות און דראגס. אין די קאלעדזשעס רעדט מען נישט וועגן די אלע פראבלעמען.

מיט וואספארא פראבלעמען זענען זיי איבערגעבליבן? "זערא פאפולאציע", וויאזוי צו הרג'ענען מער און מער בעיביס. און דאס איז וואס זיי טוען...

זאלן מיר עס לאזן צום באשעפער? ניין! מיר דארפן זיך זארגן לטובת אלע גוטע און שכל'דיגע זאכן. איז ערשטנס כל לאמיר זיך זארגן וועגן "עקאלאגיע" פון פטור ווערן פון די פאפולאציע פון פארברעכנס, און פון די פאפולאציע פון די קאלעדזשעס. אויב קענען מיר אפשטעלן די רעגירונג פון געבן הילף פאר די קאלעדזשעס און מען זאל דארפן באצאלן שכר לימוד, כדי באמס זאלן נישט קענען גיין דארטן; בלויז מענטשן וואס ארבעטן און קענען עס באצאלן און רייכע מענטשן וואס קענען זיך עס ערלויבן. אזוי וועט מען אויסרייניגן די שמוץ פון די קאלעדזשעס, און אודאי וועט עס מיינען נידריגערע טעקסעס פאר אנשטענדיגע בירגער.

רעגירונג שפענדעריי איז א קענסער. די רעגירונג ווארפט לייכטזיניג אוועק געלט פאר יעדע נארישע זאך. יעדע נארישע צוועק באקומט מיליאנען. אפילו די "גאלדענע יארגאנג קלאבס". מען דארף זיי ווי א לאך אין קאפ. די רעגירונג ווארפט אוועק מיליאנען כדי די אלטע מענטש זאלן זיך קענען צאמקומען אין די צופרי שטונדען. אנשטאט בלייבן אינדערהיים און זיך אפגעבן מיט זייערע היימען, קומען זיי זיך צוזאמען און די אלטע מענטשן טאנצן, מענער און פרויען אינאיינעם. זיי האבן קיינמאל בעפאר נישט געוואוסט פון אזעלכע זאכן, יעצט לערנען זיי זיך עס אויס אין זייערע אלטע יארן. און דאס אלעס קאסט מיליאנען. אט איז פארפעסטיגונג פאר דיר! רעגירונג שפענדעריי!

אפילו אויב בלויז א קליינע פראצענט פון די געלט וואלט געגאנגען צו פארשטארקערן אונזער ארמיי! צי ווייסט איר אז מיר זענען הינטערשטעליג אין די וואפן-פארמעסט. די ליבעראלן פרעדיגן אז מיר זאלן זיך אנטוואפענען; אמעריקע אנטוואפנט זיך, אבער נישט סאוויעט רוסלאנד. רוסלאנד איז אצינד ווייט פאראויס פון אונז.

די בעסטע טענה פאר שלום איז צו זיין גוט באוואפנט. צו טראגן א גרויסן שטעקן און רעדן איידל. אבער מיר האבן מער נישט קיין גרויסע שטעקן. די ליבעראלן האבן אנטוואפנט אמעריקע. די ליבעראלן האבן גענומען די געלט פון אמעריקע און זיי גיסן עס אריין אין יעדע באדיטלאזע צוועק, און דער נעבעכדיגער אמעריקאנער בירגער צאלט און צאלט. און דאס איז די סיבה פארוואס אקאונטינג איז געווארן די מערסט-בריליאנטענער עתיד פאר יונגע מענטשן היינטן.

דאס איז אלעס וואס איך האב צו זאגן פאר יעצט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב